32 זריעות, דאָך ווען עס איז פֿאַרזייט, וואַקסט עס
אויף און ווערט גרעסער ווי אַלע גאָרטן־געוויקסן,
און גיט אַרויס גרויסע צווייגן, אַז אונטער זיין
שאָטן קענען די פֿייגל פֿון הימל וואוינען.
33 און מיט אַ סך אַזעלכע משלים האָט ער צו זיי
גערעדט דאָס וואָרט, לויט ווי זיי זענען געווען
34 בכח צו הערן; און אָן אַ משל האָט ער צו זיי נישט
גערעדט; און איז ער געווען מיט זיינע תּלמידים
אַליין, האָט ער זיי אַלץ אויסגעלייגט.
35 און יענעם טאָג, ווען עס איז געוואָרן אָוונט,
האָט ער צו זיי געזאָגט: לאָמיר אַריבערפֿאָרן אויף
36 דער אַנדערער זייט ים. און זיי האָבן געלאָזט
דעם המון מענטשן גיין, און האָבן אים מיטגענומען,
אַזוי ווי ער איז געווען, אינעם שיפֿל; און נאָך
37 אַנדערע שיפֿלעך זענען געווען מיט אים. און עס
הויבט זיך אויף אַ גרויסער שטורעמווינט, און די
כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפֿן אויפֿן שיפֿל, אַזוי אַז
דאָס שיפֿל האָט זיך שוין געהאַט כמעט אָנגעפֿילט.
38 און ער אַליין איז געווען אין דעם הינטערן טייל,
שלאָפֿנדיק אויף דעם קישן; און זיי וועקן אים אויף
און זאָגן צו אים: רבי, עס אַרט דיך גאָרנישט,
39 אַז מיר קומען אום? און ער איז אויפֿגעשטאַנען,
האָט אָנגעשריגן דעם ווינט און געזאָגט צום ים:
שווייג, זיי שטיל! און דער ווינט האָט אויפֿ־
געהערט, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט.
40 און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס זענט איר אַזוי
שרעקעוודיק? ווי, איר האָט נאָך אַלץ נישט קיין
41 גלויבן? און זיי האָבן זיך געפֿאָרכטן מיט אַ גרויסער
פֿורכט, און האָבן געזאָגט איינס צום אַנדערן:
ווער איז ער דאָך, אַז סײַ דער ווינט סײַ דער ים
געהאָרכן אים?